# שיקאגא

ליטעראַרישער חודש זשורנאַל

סעפטעמבער, 1930

פרייז 15 סענט

"CHICAGO"

*A LITERARY MONTHLY IN YIDDISH*

Office: 1133 S. Homan Avenue

MEYER ZOLOTAREFF, Editor, Publisher and General Manager

באגריסונג:

# שוחטים יוניאן

לאָקאַל 598

זלמן זיווין, פרעזידענט
י. מ. גליקסבערג, וויס-פרעז.
הערש שוגערמאַן, פינ סעק.
יודעל קאַרש, רעק. סעק.
שמואל יוסף עטקין,
ביזנעס - מענעדזשער.

באגריסונג:

# חזן באָריס שיפמאַן

# קאַטליצקי'ס באַרימטע בעקערים

מיר באַקען אַלעס אויף פּוטער — גאַראַנטירט

5830 W. Madison Street, Austin
3435 Lawrence Ave., Albany Pk.
3651 West Roosevelt Road
6572 Sheridan Road, Rogers Pk.

פאַרזיכערט אייער לעבן ביי מיר

# BERNARD A. SUPERFINE

New York Life Insurance Co.

39 S. LA SALLE STREET

Telephone Central 0271

אַלעס וואָס איר דאַרפט פאַר אַן

# אטאמאביל

קריגט איר בא די

# LEVIN AUTO PARTS

2013-15 SO. STATE STREET

Telephone Calumet 4400

באַזוכט שיקאַגער ערשטן אידישן

# נאַכט קלוב

אין

# BLUE INN CAFE

אָפּן צוויטן שטאָק

3414 ROOSEVELT ROAD

שענסטע פאַרוויילונג—טענץ

PHONE NEVADA 10074

אַלע סטייקס און טשאָפּס

מיר סערווירן פאַר חתונות, באַנקעטן,
און אנדערע אנגעלעגנהייטן

יעקב זילבערט אין
י. בערלין׳ס

# לאנגאן סקווער טעאטער

2542 MILWAUKEE AVENUE
TELEPHONE ALBANY 2060

Management: Theodore H. Silbert — Ida Berlin, Lessee

---

ערעפנונגס פארשטעלונג
פון

## יעקב זילבערט

סטאר קאמפאני

מיטוואך אוונט (מצאי ר״ה) 24טן סעפטעמבער ווי אויך פרייטיק און זונטיק
אוונטס, שבת און זונטיק מאטינע, דעם 26טן, 27טן און 28טן סעפטעמבער

## יעקב זילבערט — עני ליליען

אין דער גרויסער סענזאציאנעלער אויפפירונג

## דער איינציקער וועג Der Einziger Weg

פון י. דייטשמאן

מוזיק פון דוד הירש

אויפגעפירט פון יעקב זילבערט

---

## רייזעס נאך רוסלאנד

פארט קיין רוסלאנד — וואו א נייע וועלט ווערט געבוים און אייערע קרובים און פריינט געפינען זיך. ברייננט פרייד צו אייערע קרובים מיט אייער באזוך. העלפט זיי מיט אייערע הענט. מאכט שוין רעזערוואציעס צו קריגן די בעסטע פלעצער און אקאמאדאציעס אף די פיינסטע און שנעלסטע שיפן. — מיר באזארגן אייך מיט די נויטיקע פאפירן.— פאר ווייטערע אינפארמאציעס, קומט אדער שרייבט צו די

## אמאלגעמייטעד באנק

טראוולערס דעפארטמענט

111 וו. דזשעקסאן בולוואר — שיקאגא, איל.

---

באגריסונג:

**P. O. NEWS CO.**

I. B. Uri, Pres.

37 W. Monroe Street

---

בוכהאנדלונג און פארלאג

## משה צעשינסקי

2720 וו. דיוויזשאן סטריט
שיקאגא

צו באקומען
אלע נייעסטע ביכער און
זשורנאלן.

---

## Silverstein's Food Shop

S. W. Cor. St. Louis Ave. and Roosevelt Road

האט די בעסטע שפייזן און באקוועמסטן
פלאץ פאר אינטעליגענטן.

---

## פייזער אנדערטייקער

צוויי טשאפעלס:

| | |
|---|---|
| 4911 Broadway | 3125 W. Roosevelt Rd. |
| Longbeach 4740-1-2 | Lawndale 4920-1-2 |

נאָך אַ שיינער פאַרשטעלונג אין לאַנדייל
טעאַטער—קומט עסן אַ געשמאַקן
סענדוויטש — אין

## לאַנדייל דעליקאַטעסן

אין דער זעלבער טעאַטער געביידע,
אַפן קאַרנער

---

פאַר אַ פריש געקאָכטן היימישן מאָלצייט
קומט אריין צו יעדער צייט אין

## ליוויי׳ס רעסטאָראַן

2640 דיוויזשיאַן סטריט

מיר קייטערן פאַר חתונות, באַנקעטן און פאַרטיס
מעסיקע פרייזן.

---

## סטעלצער׳ס

צווייטער

## רעסטאָראַנט

איז שוין

## אָפען!

סטעלצער איז גוט באַוואוסט
פאַר די געשמאַקע, נאַרהאַפ־
טיקע מאכלים.

**אַ גוטער פּלאַץ צו עסן!**

2752 וו. דיוויזשאָן סט.
האַמבאָלדט 6252

---

איז אייער לעבן אייך טייער?

אינשורט עס

בעפאַר איר טוט עס—פּרעגט

## JOS. LIPSHUTZ

וועלכער ווייסט און וועט אייך ראַטן
ווי אַזוי צו פאַרזיכערן צום בעסטן.

Representing:
New York Life Insurance Co.
39 So. La Salle Street
Phone Central 0271

---

אינשורט אייך
ביי

## ש. וואָלין

בעסטע באַהאַנדלונג
רופט:
Central 5288
32 W. RANDOLPH ST.

באַגריסונג:

CHARLES
LAPKOFF
and
HERMAN W
WEINSTEIN

---

לואיס גאָלדשטיין,
מענעדזשער

# לאַנדייל טעאַטער

מאַקס קרעשאָווער,
אַסיסטענט מענעדזשער

רוזוועלט ביי קראָפאָרד — טעל. לאַנדייל 1090 — טש. נעלסאָן, דזשענעראַל מענעדזשער

צווייטער סיזאָן פרעמיער פאַרשטעלונג מיטוואָך אָוונט דעם 24טן סעפּטעמבער

דער ליבלינג פון שיקאַגאָ

## יוליוס נאַטאַנזאָן

אין אַ ריזיקע פּראָדאַקשאָן, מיט 25 נומערן מוזיק — פון רובין אַסאַפסקי

## פרילאַכע נייעס

50 מענטשן אַף דער בינע — **HAPPY DAYS** — טענץ פון מאַרדי באַארץ

# "CHICAGO"

## A Literary Monthly in Yiddish

VOL. I SEPTEMBER, 1930 NO. 3


## אין דעם נומער:


שמעון דובנאָוו אַ בן שבעים — — — (עדיטאָריעלער אַרטיקל)
ח. אַרעשקעס — — — — — — (רעוואָלוציע און קולטור (עסעי)
אַברהם טייטלבוים — — — — ערווין פּיסקאַטאָר · מאַקס ריינהאַרט
נח שטיינבערג — — — — נאַקעטע ווערטער (לירישע פּראָזע)
מאַטעס דייטש — — — — — קאָלאָסוס שיקאַגע (פּאָעמע)
יוֹנה ספּיוואַק — — — — רבי נחמן קראַכמאַל (מאָנאָגראַפיע)
י. י. סיגאַל — — — — — דיז, פאַרלאָרן, אין בערג (לידער)
טאָדרעס געלער — — — ענריקאַ גליצנשטיין און עמיל אַרמין
בן שלום — — — — — אין אונזער לאַנד. אַפּשייד. (לידער)
ברוך גאָלדהאַרט — לוצקי, פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר (אימפּרעסיע)
פיין טווערסקי — — — — — סימפאָניע שיקאַגע (פּאָעמע)
מ. גיציס — — — — — — — הימלקראַצער (דערציילונג)
משה טאָלטשין — — — — — — אויפגעפלאַמט (איינאַקטער)
גיטל לוקטער — — — — — — — פון אַ ווינקעלע (ליד)
מאַרק יורי — ווער וועט דערלייזן (וועגן דער אידישער אָפּערעטע)
י. נאַכבין — צו דער געשיכטע פון דער אינקוויזיציע אין בראַזיל


### וועגן ביכער און שרייבער


מאַטעס — — — — — א. ניסענזאָן דער פאַרכשופטער
ש. ר. — — — — — — — — — צום זיידנס יובילי
ב. ג. — — — — — — שלום שטעדל׳ס „גאָענטקייט“


### אין דער שיקאַגער אידישער טעאַטער - וועלט


ליטעראַרישע ידיעות — — — — — — — — — — —
ליטעראַרישע נאָטיצן — — — — — — — — — — —
פון דער רעדאַקציע — — — — — — — — — — —


---


Editor and Publisher: Meyer Zolotareff



**SUBSCRIPTION RATES**

| | |
|---|---|
| Single Copies . . . . . . | 15c |
| One Year . . . . . . | $2.00 |
| One Year Foreign . . . . , . | $2.50 |

**סובסקריפּשאַן פּרייז**

| | |
|---|---|
| איינצעלנע קאָפּיס . . . . . | 15ס. |
| אַ יאָר . . . . . . . | $2.00 |
| קאַנאַדע און אויסלאַנד . . . . | $2.50 |

ברוך גאָלדהאַרט

# א. לוצקי, פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר

(אימפּרעסיעס)

## דער פּאָעט

ער דאַרף נים האָבן קיין סמיכה אָדער הסכמה פון מיר אויף זיין גרויסן, אייגנאַרטיקן פּאָעטישן טאַלאַנט; אַלע קריטיקער און פּאָעזיע-מבינים האָבן אים שוין לאַנג אָנערקענט. איז נים ווי אַ קריטיקער וויל איך דאָ שרייבן וועגן לוצקי'ן, נאָר ווי אַ לייענער. און ווי אַ לייענער ווייס איך מיר איינס:

ווען איך לייען לוצקי'ס לידער, ווער איך פאַר'שיכור'ט פון זיי ווי פון גוטן, אַלטן וויין. און בילדער און געשטאַלטן וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געגומען אויסוועפן פון מיין זכרון, שטייען ממש אויף תחית המתים פאַר מיינע אויגן. און אָט בין איך אַ קינד צוריק, און בין אויף „אַ חתונה," און אָט בין איך מיט'ן טאַטן „ביים רבינ'ס טיש," הער דעם רבינ'ס תורה און כאַפּ שיריים . . . קינדהייט, נאַאיווקייט און גלויבן קערן זיך אום צו מיר צוריק. אויף אַ וויי'ל כאַטש, און איך פריש זיך אָפּ פונ'ם טומלדיקן, גרילצנדיקן היינט — מיט דעם נעכטן וואָס לוצקי האָט פאַר מיר אויפגעכישופ'ט — דורכ'ן וואָרט — דורך זיין אייגנאַרטיק וואָרט — און דורך זיין קלאַנג-און-ריטם וואָס גיסן זיך צונויף און שפּילן זיך צוזאַמען אין אַזאַ נאַטירלאַכער האַרמאָניע, און וואָס באַשאַפן אַ וואונדערלאַכע סימפאָניע . . .

און דער וואָס באַזיצט דעם כח דאָס צו טאָן — איז אַ קינסטלער, אַ דיכטער.

לוצקי האָט אָבער נים נאָר אויפגעכישופ'ט פאַר אונז אָט יענע בילדער און געשטאַלטן — פון דעם נאָענט-ווייטן נעכטן — וואָס מיר האָבן אַליין געזעען. ער האָט אונז אויך געוויזן עפּעס וואָס מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט. אַפילו אין זיינע „אַלטע," קלאַסישע „אימפּראָוויזאַציעס" ווי „אַ חתונה" און „ביים רבינ'ס טיש" — אַפילו דאָרטן בליצט ער אויף אונז מיט שטריכן און בילדער וואָס זיינען געווען פאַרהוילן פון אונזער אויג און ווייט פון אונזער באַנעם.

זעט, ווי „אַ זעקסטער חסיד זאָגט שלום עליכם"; דער חסיד שאָקלט זיך:

„לאָזט זיך אַראָפּ דער רעכטער פוס — הויבט זיך אויף דער לינקער. — לאָזט זיך אַראָפּ דער לינקער פוס — הויבט זיך אויף דער רעכטער. — דער חסיד איז אַ וואָגשאָל. אַביסעלע צער אַראָפּ, אַביסעלע פרייד אַרויף, אַבי מע לעבט . . ." (ביים רבינ'ס טיש.)

אָדער הערט זיך צו ווי „צוויי אידן טרינקען לחיים" — באַ לוצקי'ן:

„לחיים" !

גאָט זאָל העלפן, מיר זאָלן טאַקע ווי זאָגט מען.

צוויי שוואַכע אידן האָבן נישט קיין פּרנסה און האָבן טעכטער. זיפצן ביידע טאַטעס און קוקן זיך אין די אויגן.

פון יעדן טאַטע קוקט אַרויס זיין הויזגעזינט.

ווייב און קינדער האָפן אויף זיין פּלייצע,

אויף די קנייטשן און זיין שטערן;

טאַטע, טו זיך אָן אַ כח.

טראַכט עפּעס צו.

זעסט דאָך.

(די חתונה)

וויפיל אידעלן טראַגיזם און פיינעם הומאָר לוצקי אַנטפּלעקט פאַר אונז אין אָט די בילדער.

אָבער גאָר אַ נייעס אין דער אידישער פּאָעזיע האָט לוצקי אַריינגעבראַכט — מיט זיין אויפלעבן די „טויטע וועלט." דערביי האָט ער ממש וואונדער אויפגעטאָן מיט דער אידישער שפּראַך.

די „טויטע וועלט" — דער דומם — אָט די וועלט וואָס מיר, מענטשלאַכע באַשעפענישן האַלטן פאַר טויט: די אַלע מינים באַשעפענישן וואָס באַוועגן זיך, לעבן און מערן זיך און שטאַרבן, אָבער וואָס מיר מיינען אַז זיי האָבן קיין שפּראַך נים; די גאַנצע נאַטור — אונטער אונז, איבער אונז און אַרום אונז — אָט דאָס אַלץ האָט יאָ אַ שפּראַך. פאַרמאָגט יאָ אַן אייגן לשון דורך וועלכן עס רעדט און דריקט זיך אויס, נאָר מיר האָבן דאָס נים געהערט. און מיר האָבן דאָס נים פאַרשטאַנען אויב אַפילו צו אונזערע אויערן האָבן זיך יאָ דערטראָגן אַ שאָרך און אַ קלאַנג.

דערצו — דאָס פאַרשטיין און באַנעמען — דאַרף מען זיין געבענטשט מיט אַ באַזונדערן חוש טאַקע פון דער נאַטור אַליין. און אָט מיט דער דאָזיקער מתנה האָט די נאַטור געבענטשט אונזער לוצקי'ן.

נעמט, לייענט זיין ליד „וואַסערן:" קודם, וועט איר פילן אַז איר טרינקט אמת'ן פּאָעזיע-וויין. און דאָן: איז דאָס נים עפּעס אַ שטימונג וואָס די וואַסערן מיט זייער לויפן און יאָגן זיך האָבן אַרויסגערופן ביים דיכטער — בשעת ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דעם נאַטור-בילד. ניין. ס'איז נים דאָס. ס'איז אַ סך מער. און אָט וואָס:

דער דיכטער באַהעפט זיך און גיסט זיך אינגאַנצן צונויף מיט דער נאַטור-דערשיינונג. לוצקי און די וואַסערן ווערן איינס. דערנאָך זינגען די וואַסערן אויס זייער געזאַנג דורך לוצקי'ס וואָרט, ריטם און קלאַנג; זיי ריידן און דערציילן, די וואַסערן, פון זייער אייביקן לויפן און יאָגן זיך און פאַרוואָס זיי קענען נים רוען . . . און ווען איר לייענט דאָס ליד מיט אַן אויער וואָס קאָן הערן, פאַרנעמט איר ממש דעם רויש און דעם רעש און געפּילדער פון די וואַסערן און איר פאַרשטייט אויך וואָס זיי האָבן אייך צו זאָגן . . . איר פילט, בשעת איר לייענט דאָס ליד, ווי די נאַטור אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך, רעדט צו אייך און דערציילט אייך אירע סודות . . . און נאָך עפּעס. און וואונדערליכס:

איר פילט כמעט נים ווי די „וואַסערן" טראָגן אייך אַריבער אויף דעם מענטשלאַכן לעבן. עס טראַכט זיך אייך שוין פון זיך אַליין: אויך אונזער

לעבן איז אזוי: מיר זיינען אויך ניט מער ווי וואסערן: מיר לויפן אויף, יאגן זיך אויף, ארויף אראפ, אראפ־ארויף, דורך בארג און דורך טאל, און פאלן סוף כל סוף אראפ, אראפ . . .

אדער לייענט זיין ליד: — „דער ים שפילט זיך מיט דער לבנה.” ווערט אייך דאס דאזיקע קליינע לידל ממש אריבערטראגן צום ים און צו דער לבנה איבער אים. הערט איר ווי דער גרויסער, ברייטער, מעכטיקער ים שפילט זיך מיט דער קליינער, קיילעכיקער לבנה. צו אייערע אויערן דערטראגט זיך דאס פאטשן פון די כוואליעס און ס׳כאפט אייך אן א פחד בשעת דער ים ווארפט זיך —

„און רעוועט רייד —
רויע רייד —
ווילדע רייד —
ווילדערהייט . . .”

ווי וואונדערליך צוגעטראפן דער גראם איז אין די לעצטע צוויי שורות : —

ווילדע רייד
ווילדערהייט . . .

בכלל איז לוצקי דער מייסטער פון ווארט פער עקסעלאנץ, און דערפאר זיינען ביי אים „פארם” און „אינהאלט” איינס. בילד פארב און קלאנג, ריטם און גראם קומען צו אים פון איין שטאם . . .

לוצקי שלייפט און פיילט זייער פיל יעדע שורה וואס גייט ארויס פון זיין פען. און קיין ווארט דרייט זיך ניט ארויס פון אונטער זיינע פינגער ביז ער הייסט דעם ניט גיין . . . און אנדערע ווערטער באפעלט ער טאקע צו גיין . . . אין זייער רו אריין . . . כאטש זיי זיינען „או און פאר זיך” גוט. לוצקי האלט, אז „אויב אפילו א גוט ווארט איז — גוט, איז אבער א בעסער ווארט — נאך בעסער . . . ” און ער קלייבט אלעמאל אויס דאס בעסערע.

איך דערמאן זיך:

ווען עס האבן זיך — מיט א צען יאר צוריק — באוויזן מיט אמאל אין „פארווערטס,” א ו י ב נ א ן, לידער פון איינעם א. לוצקי—האב איך די לידער געלייענט און שטארק הנאה געהאט פון זיי. יענע זיינען געווען לויטער ליד־ישע לידער, אבער עס האט עפעס געוויט פון זיי גאר א ניי, פריש ווינטעלע . . . ס׳האט פון יעדן ליד ארויסגעלויכטן צו אונז אזא קינדיש־צארטע נשמה; אזא תמימות און פשטות איז געווען אויסגעגאסן אויף יעדן פערז. און דאך האבן יענע לידער דערמאנט אן אברהם רייזין . . . האב איך טאקע — ניט ווויסנדיק ווער דער א. לוצקי איז, און פון וואנען ער האט זיך מיט איינמאל גענומען . . . — צוגעשריבן זיינע לידער צו רייזינען . . . איינס האב איך געוואוסט אויף זיכער: ל ו צ ק י און ניט דער אמת׳ער נאמען פונ׳ם אומבאקאנטן פאעט. לוצקי איז א פסעוודאנים. איז א.—אברהם. און לוצקי—רייזין . . . כאטש רייזין קומט גאר פון קיידאנאוו . . .

מיט אכט יאר צוריק קומט צום ערשטן מאל אראפ קיין שיקאגא דער — מיר — אומבאקאנטער לירישער פאעט א. לוצקי. און אין „פארווערטס”־אפיס — ווא איך האב דאמאלס געארבעט — באקען איך זיך מיט אים. און איך זע אז לוצקי איז טאקע ל ו צ ק י—ניט רייזין . . . האב איך זיך זייער דערפרייט . . . און מיך האט אפילו ניט אנגעהויבן ארן וואס לוצקי׳ס אמת׳ער נאמען איז גאר אנדערש . . .

יענער לוצקי איז נאך ווייט ניט געווען אט דאס וואס דער ה י י נ ט י ק ע ר איז — אין זיין דיכטונג. יענער איז נאך געווען מער „ריינער” ליריקער. אבער ער האט שוין דאמאלס אנגעהויבן שפאנען אויף זיין נייעם, אריגינעל־געבוירענעם וועג . . . און פון יענע קליינע שפאן — האט זיך זיין פעגאז צעלאזט גאלאפ־גאלאפ און אים אוועקגעטראגן צו אפגעשטאדבענע אידישע וועלטן: אים געבראכט אויף „א חתונה,” אוועקגעזעצט אים „ביים רבינ׳ס טיש,” און ער האט דארטן אלטע און נייע שיינקייטן אנטדעקט. קלאסישע פראכטן. פון דארטן פליט ער אריין „אין א מוזיק־סטאר,” אין ניו־יארק, וווייזט אונז דארטן דעם אלטן „אל מלא רחמים”־דיקן, „ונתנה תוקף”־דיקן דור און דעם נייעם „דזשעז” דור . . . און צווישן די אלטע און נייע אידישע וועלטן — שוועבט ער אין זיין ניי־אנטדעקטער „ מ ע נ ט ש ל א כ ע ר” וועלט — „די טויטע וועלט — און ברייננגט אונז פון דארטן איבערראשנדיקע, סימבאלישע בילדער פון א לעבן וואס באוועגט זיך ארום אונז, און וואס מיר מיינען אז ס׳איז טויט . . . ער קריכט אריין אין „טעפ” וואס קאכן זיך אויפ׳ן אויוון, און דארטן שפילט זיך פאר אונז אפ די לעצטע, פלאקערדיקע וועלט־מלחמה . . . און אט ווייזט ער אונז „די קאפעליע” פון אידישע קלעזמער מיט זייערע אינסטרומענטן: ווי יעדער איינער שפילט זיין טאן און ווי די גאנצע קאפעליע שפילט, און וואס דער סוף פונ׳ם שפילן איז . . . — און עס גייט פאר אונז דורך דאס גאנצע מענטשלאכע זיין, מיט די פארשידענע מענטשן־טיפן — ווי זיי שפילן אוים זייער לעבן . . .

פון אט די אלע וואנדערונגען זיינע, קומט לוצקי ארויס א דורכגעלייטערטער: פון זיין דיכטונג שטראלט ארויס דער חן פון הומאר, די חכמה פון פילאזאפיע, און די סימפאטיע פון חכמה.

דער לירישער פארעם, אבער, פון לוצקי׳ס פאעטישן שאפן איז דאך ניט איבערגעריסן געווארן, און דאס שנירל פון קינדישער תמימות און פשטות האט זיך ניט אפגעוויקלט פון קיין איין ווערק זיינעם . . .

און איצטער פארמעסט ער זיך צו שוועבן אין די הימלישע ספערן, אין די „עולמות עליונים” — מיט זיין ניי ווערק : — „בראשית — אינמיטן . . . ”

* *
*

א זעלטענער שטערן, מיט בלענדנד־קאלירנדיקע, צויבערלאך־פאביקע שטראלן איז — אינגאנצן מיט א צען־פופצען יאר צוריק — אויפגעגאנגען אויפ׳ן גרויען פארוויינטן הימל פון דער אידישער פאעזיע . . . און זיין נאמען איז — א. לוצקי.

(ווענן לוצקי דעם אימפראוויזאטאר — אין קומענדיקן נומער).